# ס׳וועט געשען

(מיין פריינט אינזש. י. ר. אין דרעזדען)

1.

אין יענער נאַכט וועט אַ שטים זיך צעוויינען און אָנפּילן די וועלט:
נישט מיין ווייב... נישט מיין היים... נישט מיין וואָרט...
נישט מיין געלט...

אין יענער נאַכט וועט דער הימל זיך צעוויינען,
אַ שוואַרצע טוך, וואָס האָט איינזאַם זיך דערשפּירט,
נאָכדעם ווי מען האָט פון שטוב אַרויסגעפירט
דעם בר־מינן...

אין יענער נאַכט
וועט מיטאיינמאָל די פינצטערניש ווערן געוואָר,
אַז זי פינצטערט און פינצטערט שוין טויזנט יאָר.

אין יענער נאַכט וועט מען אַן אַלטן יידן הענגען אויף דעם וויכן לעדער
פון רצועות צווישן היי אין אַ שמעקעדיקן שייער,
און אַזויפיל שרעק וועט הויערן אין די סעדער,
אַז אַ גאַנצע נאַכט וועלן די וועכטער ברענען פייער.

נאָר קיינער וועט סיי־ווי נישט גנבענען: פון די קראַנקעביימער
וועט ס׳אויבס אומצייטיק פאַלן ווי ס׳פאַלט דאָס פלייש פון די ביינער
ביי אַ סיפיליטיקער.

אין יענער נאַכט וועלן מתים אויפשטיין פון די קברים
ווי אַמאָל אין לויטערער שעה שטייט אויף אין זכרון

אַ שניידיק קלוג וואָרט פון אַלטע ספרים, —
און די לעבעדיקע וועלן זיך שעמען מיט זייערע לעבעדיקע יאָרן.

אין יענער נאַכט
וועלן טויזנט יידן ליגן, שטומען — טעמפּע גרודעס ערד,
אין איינעם פון די טויזנט וועט אַ געדאַנק זיך נעמען גרינען:
אויב גאָט האָט אונדז פאַרלוירן, וועט אונדז גאָט געפינען,
און שטיל ווי אַ בלום אין ווינט וועט זיין ליפּ זיך רירן: שמע! —
און אַן אַנדער, וואָס איז היינט, היינט ביינאַכט אַראָפּ פון זינען
וועט פאַנאַנדעררייסן די נאַכט מיט זיין כאַ־כאַ־כאַ־כאַ —
נישט מיין היים... נישט מיין וואָרט... נישט מיין קינד...
נישט מיין געלט...

אין יענער נאַכט
וועט אַ שטים זיך צעוויינען און אָנפילן די וועלט.

2.

אין באַגינען...
ווי קינדער רייסן יאַגדעס שוואַרצע,
וועלן די שוואַכע פינגער פון פרימאָרגן
די נאַכט צערייסן, די נאַכט צערייסן.

שיין אין זיין ווייטיק וועט זיין דער באַגינען.
וואָס זי האָט געזוכט, וועט יענע נאַכט נישט געפינען, —
זי וועט שטאַרבן אַנדערש ווי זי האָט געוואָלט.
וואָלקנס וועלן דרימלען אויף פערלמוטערנע בעטן.
און ווי אויף אָפּגעהאַקטע אָרעמס פינקלענדע בראַסלעטן,
גיסט זיך אין הימל גאָלד אויף בלוט, בלוט אויף גאָלד.

שיין און וואָרנענדיק וועט זיין דער באַגינען.
און אין זיין בעט וועט נאָך ליגן זיבער דער זיגער,

און זיין שומר וועט היטן זיינע אַלטע טויערן.
און איבער זיי — אַלטע ביימער
וועלן שאָקלען די קעפּ אין באַדויערן. — — — —
און דערווייל טרייסלען אַלטע קלוגע קעפּ,
זיי צעשפּרייטן פּרעגנדיק די הענט.
און אַ ווינט לויפט און טאַפּט די ווענט
פון דער וועלט ווי אַ סגי־נהור.

ער זוכט וועמען צו דערציילן,
וואָס ער האָט געהערט מאחורי הפּרגוד: —

אַזוי זאָגט גאָט: אין די נעכט, אין די נעכט
שרייב איך אויף יריעות פון כשרן קלף
מיט דראַענדן פייער פון געשטערנטן כתב.
פאַלן מיינע אותיות אויף דר'ערד און דערשראַקן.
און ווער ס'האָט געהרגעט, דעם בלייבן זיי שטעקן
שניידשפּיציק און געהיים ווי אַ היראָגליף אין האַרץ.
און ווער ס'איז דערמאָרדערט, דער צעטראָגט מיינע בריוו
אין דער וועלט.

לויפט אַ ווינט און טאַפּט די ווענט פון דער שטאָט
און זאָגט אויס סודות מאחורי הפּרגוד,
וואָס ער האָט ביינאַכט געהערט פון גאָט
וועגן יענע, וואָס האָבן געהרגעט.

און ביימער זיינען אַלט, האָבן אַ סך שוין געזען,
זיי ווייסן זיגער צו באַדויערן.
און אין יענעם באַגינען וועט פּלוצלונג געשען:
די וואָס ליגן שיכור — זיכער אין אָפענע טויערן —

וועלן דערוואַכן פון שלאָף און האָבן אַ חלום אויפן וואָר:
אַ ווינט טאַפּט די ווענט פון דער וועלט ווי אַ סגי־נהור.
ער לויפט זיי אַנטקעגן, דער בלינדער, און לאַכט זיי אין פּנים,
און זיי מוזן הערן דעם סוד פון דער נאַכט.

וועלן זיי פאַרציטערט זיך ראַנגלען צו פאַרמיידן די שטראָף,
נאָר זייער שטאָלץ שניצט זיך אָפּ, ווערט דראָבנע און קליין.
וועלן זיי וויסן, אַצינד וואַקסט דער גרויסער סוף,
און אַז שווער איז צו ווערן רייך פון געוויין.

דער בלינדער ווינט לאַכט און דערציילט,
און די זיגער דערשפּירן, עס שיילט זיך און שיילט זיך
דער זיג פון זיי אָפּ.

דער בלינדער ווינט לאַכט און זיי מוזן הערן
און ווערן פון אומגליק און טרויער אַזש דול
און האַלטן די הערשערישע קעפּ פון דער ערד.
און טרעפט, ווען אַ ייִנגעלע קליין זאָגט קדיש אין שול,
מוזן הערן און שווייגן דערוואַקסענע מיט בערד...

1933